STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02455

DER GEFANGENER KENIG

Shomer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

געפאנגענער קאניג

אין אהייל מיט פונפציג מאנן

אין גאנץ אלטע וואונדער־שאנע געשיכטע וואס
א קאפיטאן האט געפונען געשריעבען אין א בוך וועלכער
איז געלעגען אין א קאסטען אויף דעם ים.

וועדר א שאנע געשיכטע

פערפאסט פון שמ"ר.

פערלאג אונ אייגענטהום פון ליב מארגענשטערן
בוכהאנדלונג אין ווארשא, פראנצישקאנער שטראססע № 26
ווארשא תרס"ד.

ראס איז די געשיכטע שאס הערמאן האט געפונען אין בוך !

עס איז געווען איין גרויס מעכטיגר קעניג פון מאזמיר ער האט געהייסן סאלעמאן ער האט געהאט איין איינציגן זון ער וואר זייער שיין און קלוג און געשיקט ער האט געהייסן אדאלף ער וואר שון דאמאלס אלט 18 יאהר דר קעניג סאלעמאן איז שרעקליך קראנק געווארין ער הט געזעהן דאס ער מוז זיך פון דר קראנקהייט ניט אויף הייבן האט ער אריין גרופן צו זיך דעם גאנצן מאנאט און אלע גרויסע לייט און זיין זון האט ער אויך אריין גרופן . ער זאגט צו די אלע גרויסע לייט מיינע ליבע פריינד איך בעט אייך זאגט מיר אוב עס האט ווער אויף מיר שלעכט צו ריידין אוב איך האב אייער לאנד ניט גוט געפירט . ענפערין אלע צום קעניג מיר האבין אויף דיר גאר ניט וואס צו ריידין קיין שלעכץ מיר ווינשן אונז ניט קיין בעסרין קעניג פון דיר דר ליבר גאט זאל דיר געבין געזונד דו זאלסט לעבין און זאלסט קענען ווייטר פירין אונזר לאנד מיט פארשטאנד אזוי ווי דו האסט געפירט ביז יעצט . ענפערט דר קעניג ליבע פריינד איך זעה אז איך וועל מיך פון דיזע קראנקהייט ניט אויף הייבן דארום פאר לאנג איך פון אייך איר זאלט מיר צו שווערין דאס איר זאלט מיין קעניגרייך נישט דר ווייטרין פון מיר מיין קינד זאל קעניג זיין אויף מיינע שטעלע און איר זאלט אים אויך טריי דינען ווי איר האט מיך געדינט . איר ווייסט דאך דאס ער איז קלוג און געשיקט ער וועט קיינין אייך גוט זיין ער וועט אייער לאנד פירין מיט פאר שטאנד מער ווי איך . ווי די אלע גרויסע לייט האבין דאס געהערט אז ער וויל זיין זון זאל קעניג זיין אויף זיינע שטעלע האבין זיי אלע געענפערט צום קעניג ליבר אלמאכטיגר קעניג מיר וועלין געוויס דיין קעניגרייך ניט דר ווייטרין פון דיר עס וועט קיין אנדרער ניט זיין אויף דיין שטעלע נאר דיין זון און דאס

קען

מען רייך זיין מען דאס גלייך דעם זון גיקריינט אונ מען נים
באלד אום גשיקט אוף דעם גאנצן לאנד דאס יעדרער זאל
זיך אונטר שרייבן אונ שווערין טריי צו דינן דעם נייעם קיניג
אדאלף מען האט אים באלד אוף זיין פאטרס שטוהל גזעצט
דר פאטר האט גרוסע פריידע גהאט וואס זיין זון איז קיניג
געווארין ביי זיינם לעבין אונ ער זיצט שון אוף זיין שטוהל .
דר פאטר איז גישטארבין דר זון האט די קיניגרייך גיפירט
גאנץ אין דר ארדנונג מיט דעם גרעסטין פאר שטאנד דאס
גאנצע פאלק וואר זעהר צו פרידן פון דעם נייעם קיניג אדאלף
זיי ווארין אים שרעקליך גיהארזאם אונ האבין אים שטארק
גליבט דאס קיניגרייך האט זיך אזו גליקליך גפירט איינע צייט
פון 2 יאהר מיט פרידן אן קריג צום ענדע פון צווייטן יאהר
האט זיך אנגפאנגן איין מלחמה מיט אקיניג פון איין אנדר לאנד
די מלחמה האט זיך שרעקליך גישטארקט אן אוף הערינג . דר
אונגער קעניג אדאלף וואר אבר זיין פאלק גאנץ טריי איז ער
זעלבסט מיט גגאנגן מיט דעם פאלק אין דר מלחמה מיט
דעם זעביל אין דר האנט מיט אלע געניראלין צו גלייך . דס
גאנצע פאלק וואר זייער צו פרידן ווס דר קיניג זעלבסט גייט
אין דר מלחמה דארום האבין זיי זיך בשלאסין אלע זאלין מיט
גיין נאר אלטע מיט קינדר זאלן בלייבין צו הויזע . אונ ווען
אוך עס וועט האלטן דר ביי אז עס וועט שלעכט זיין דא
וועלין אוך די פרויען גיין מיט אלע צו גלייך עס איז ווירקליך
אזוי גוועזן די קריג האט זיך שרעקליך גישטארקט עס זענען
פיל פאלק גפאלין פון ביידע זייטען דעם קיניג אדאלפס פאלק
האבן זיך צו זאמען גיקליבין ווער עס האט נאר קרעפטין
גהאט פון פרויען אונ פון 13 יאהריגע קינדר אלע זענען גקומן
אין די קריג מיט שרעקליכע היצע צו הילפע זייער טרייען
קיניג עס איז אבר אלעס גוועזן אום זונסט יענער קיניג וואר
אבער פיהל שטארקער איבער הויפט ווייל דר קיניג אדאלף
האט זיך נישט גוט פארבערייט גמאכט צו דר קריג זאי ווי
מען ברוך ווייל ער האט זיך נישט גרעכט דארויף . איין
טאג האט זיך די קריג זייער גישטארקט אונ דר קיניג אדאלף
האט גיקאמאנדירט זיין קאמאנדע ווי איין העלד ער האט זייער

פיל גישלאגין פון יענער זייטע זענן זייער פיל גפאלין דאס האט
גידויערט בעגנאו דעם גאנצין טאג . גיגין אבענד אבר זענן
אנגקומן זייער פיל פאלק פון יענעם קעניג אום גירעכט ווי דר
קעניג אדראלף מיט זיינע לייטע האבן דאס גיזעהן זאגט דר
קעניג אדראלף צו זיין פאלק יעצט ווייס איך מיר גאר קיין עצה
ניט צו געבין אונזר ביסיל פאלק קענן דא זיין גישלאגן ווערין
ווי איין לאם (אשעפס) פון א וואלף . דארום איז מיין עצה מיר
זאלין אונז אונטר געבין . דאס פאלק זאגן אבר ניין דאס ווערין
מיר נישט טאהן מיר וועלין שטרייטן ביז אם לעצטין בלוט אונ
אונטר געבין וועלין מיר אונז נישט . ווי דר קעניג אדראלף האט
דאס גהערט דאן האט ער זיך אויך גישטארקט מיט זיינע אלע
קרעפטין אונ האט גישטריטין : עס איז אבר גוועזן אומזונסט
פון קעניג אדראלפס פאלק זענן זייער פיל גפאלין אונ עס איז
אים זייער ווייניג געבליבין :

ווי דר קעניג אדראלף האט געזעהן דאס זיין פאלק זענן
זייער ווייניג געבליבין זאגט ער צו זיי יעצט האבין מיר שון
גאר נישט וואס צו מאכין מיר מוזין נאר אנטלויפין . זיי האבן
אנגיפאנגן צו לויפין מען האט זיי אבר שרעקליך גיאגט פיל
פון זיי האט מען דר שלאגין אויף דעם וועג אונ דעם קעניג
אדראלף מיט דעם וויזיר האט מען גפאנגן גנומן . די קריג האט
אויף גהערט יענער קעניג האט אפ גנומן דאס לאנד אונ דר
קעניג אדראלף מיט זיין וויזיר זענן געבליבין גפאנגן מען האט
זיי אוועק גפירט אויף א וויסטע אינזעל גוט באוואכט . זיי זענן
דארט געזעסין איינע צייט פון 2 יאהר . איין טאג וואר ווי זיי
זיצין אזו אויף דער אינזעל ווערט דר וויזיר זייער טרויריג זאגט
דר קעניג אדראלף צו זיין וויזיר וואורום זיצט דו אזוי טרויריג ווס
איז דען היינט מעהר ווי די גאנצע צייט דו מאכסט מיר נאך
באזארגט מיט דיין טרויערין . זאגט דר וויזיר צום קעניג וואס
זאל איך ניט טרויערין מיין ליבער קעניג ווען וועט זיין די
ענדע מיט אונז ווי לאנג וועלין מיר דא אום זיצין די צייט פר
גייט אונ איך בין שון איין אלטער מאן פיליכט שטארב איך
דא וועסט דו בלייבין זיצין אויף די אינזעל אליין דארום האב
איך אזו א זארג אונ דאס איז נאר וועגן דיר ווען מיר קלער

איך

איך גאר ניט . ענטפערט דר קעניג אדאלף צו זיין וויזיר מיין ליבער געטרייער וויזיר נו וואס זאל מען טאהן מען מוז זיך פאר לאזין אויף דעם ליבען גאט ער וועט אונז גוויס העלפען פון דיזן נויט נאר ווען דו האסט איין עצה צו געבען דאס מיר זאלין קענען ארויס פון דאנען איז געוויס גוט איך וועל מיר איין שטעלין מיט מיינע אלע קרעפטין ווען דו וועסט מיר נאר זאגין וואס גליך איז . דא ענטפערט דר וויזיר מיין ליבר קעניג עס איז מיר אזו איין געפאלין קיין בעסערין ראט האב איך נישט . מיר מוזין אזו טאהן עס קומט דאך אריין צו אונז דר פאלקאווניק מיט דעם אפעציר זיי זענען דאך מיט אונז גוט בעקאנט דען זיי קומען אפטער צו אונז נאר צום פאר ווילונג . מוזין מיר אזו טאהן מיר וועלין איין נאכט מיט זיי גוט לוסטיג מאכין אונז אונ פיל טרינקען דאס זיי זאלין גוט בעזאפין זיין נאר מיר מוזין אונזר פארשטאנד האלטען אונ זיי וועלין שון זיין גוט בעזאפין וועלין מיר פון זיי די זעבעל אוועק נעמען מיט דיא פיקעטלעטין אונ מיר וועלין אונז זייערע קליידר אנציהען אונ מיר וועלין אזוי דורך די וואכע דורך גיין וועט מען אונז נישט דר קענען איז גוט אונ ווען יא וועלין מיר זיך שלאגין אונ ווען דר ווילען פון דעם ליבען גאט וועט זיין מיר זאלין פון דאנען ארויס קומען וועט ער אונז העלפין אונ ווען נישט איז אונז פיל ליבער מיר זאלין טויט געשלאגין ווערין אונ נישט אונזער לעבין פארברענגען אויף דיזער אינזעל . זיי האבין אזו געטאהן ווי צוויי זיך אפ געשמועסט האבין . עס איז נאכט געווארין דר פאלקאווניק אונ דר אפעציר זענען געקומען צום קעניג אדאלף אזו ווי געוויינטליך זיי האבין זיך שטארק לוסטיג געמאכט זיי האבין זייער פיל געטרונקען ביז עס איז האלב נאכט געווארין דער פאלקאווניק אונ דר אפעציר האבין זיך שטארק בעזאפין זיי זענען איינגעשלאפין אזו ווי זיי זענען געזעסין אויף די זאפע :

יעצט זאגט דר וויזיר צום קעניג אדאלף מיין ליבער געטרייער קעניג איך האב שון מיינע זאכע געמאכט . נון ווייל דיך נישט דען מען מוז זיך זעהן צו רעטין . ציה אויס דיין קלייד אונ ציה אן די קליידר פון דעם אפיציר ווייל ער איונגר פאן

וואס

גאר ווערט מען דיך נישט דר קענען אונ איך ווער אנציהען [illegible]
קלייד פון דעם פאלקאווניק ווייל ער איין אלטר מאן וואר ווערט
מען אוך מיך נישט דר קענען. זיי האבן זיך גלייך די קליידר אנגיצוגן
אונ מאשירין ארויס ווי זיי זענן צוא דיא וואכע גקאמען האט
זיי דר אונטר אפעציר דר קענט ער האט זיי גוואלט ארעטירען
אבר זיי ווארטין נית ביז ער ווערט זיי עטוואס פרעגין נאר זיי
שלאגין אים גלייך דעם קאפ אפ. עס איז אבר גווארין
אשרעקליכער אופרוהער עס איז אנגקומען זייער פיל מיליטער
מיט איין אפעציר מען האט גוואלט דעם קעניג מיט דעם
וויזיר גפאנגן נעמן זיי האבין זיך אבר שרעקליך גוועהרט קענין
זיי פיל פון זיי האבן זיי טויט גישלאגין דר יונגער קעניג אדאלף
וואר זייער פלינק אונ גשיקט ער האט זייער פעסט געשטריטען מיט
זיינע אלע קרעפטין אונ מיט פאר שטאנד אונ איז אנטלאפין אונ
דעם וויזיר האבן זיי טויט גישלאגין ווייל ער האט נית גהאט קיין
קרעפטין זיך צו ווערין קעגין זיי. ווי דר קעניג אדאלף האט
גזעהן דאס זיין וויזיר איז נישט דא האט ער אנגפאנגן יעמערליך
צו וויינן אוף זיין טריישן וויזיר וואס ער איז אים איטער טריי גוועזן
ער האט אבר נישט צייט גהאט זיך לאנג צו ווילין דען ער האט
פארכט גהאט מען זאל אים נישט נאך יאגין ער הט זיך פר שטעקט
אין איין הוילין בוים ווייל ער האט פארכט גהאט פיליכט זוכט
מען אים ער איז גזעסין אין דעם בוים מיט שרעקין ער האט
גמאכט אין דעם בוים אלאך מיט זיין שווערד ער זאל קענען זעהן
צו מען זוכט אים. מען האט אים ווירקליך גיזוכט די גאנצע נאכט
מיט פלאקערס פייער ער האט פיל שרעקין גהאט דיזע נאכט ער
איז אבר אלע דורך גקומן אוף מארגין האבן זיי אים אוך גיזוכט
אונ האבן אים נישט גפונען זיי האבן זיך נישט גקענט קיין ראט
געבין וואס זיי וועלין זאגין פאר זייער קייזער ווען זיי וועלין צו
הויזע קומען. איז ביי זיי געבליבין זיי זאלין אפ רייזן אין איין
אנדער לאנד ווייל זיי האבן פארכט גהאט פאר זייער קעניג ווייל
ער זייער אשלאכטר וואר ער ווערט זיי נית גלויבין דאס צוויי מענשין
זאלין זיך קענן ווערין קעגין אזו פיל ווי מיר זענן דארום קענן מיר
נית צו הויזע רייזין. זיי זענן אלע בעשטאנן אונ זיי האבן דיא
שיף צו רעכט גמאכט אונ האבן אפ גרייזט פון דיזען אינזעל. ווי

שענער קעניג אדאלף איז געזעסן אין דעם בוים מיט שרעקן אונאר טאג . ער האט פארכט געהאט זיך ארויס צו צייגן פיליכט זוכט מען אים נאך דער הונגער אבער האט אים שרעקליך גיקוועלט ער טראכט ביי זיך איך וועל ארויס גיין נישט ווייט זוכן עטוואס עסין ער טראכט ביי זיך זיי זענען דאך נישט אלע מיט איין מאהל דא ווען איך וועל טרעפין צוויי אדער פיר וועל איך מיר קענען געגין זיי איין עצה געבין ווען אוך מעהר וועל איך מיר מוזין עטוואס קוועלין . מיט דיזע גדאנקען איז ער ארויס גיקראכין אונ גייט זוכען עסין עס איז אבער נישט געווען צו באקומען ער גייט וואס אמאל ווייטער ביז ער איז געקומען וואו די וואך איז גישטאנען ער זעט גישט קיינעם ער שטעלט זיך איין אונ גייט אריין ער זעהט קיינעם נישט ער זעהט נור די טויטע ליגען אוף זיין וויזיר ער נעמט זיין וויזיר אונ באקלאגט אים זעהר אונ באגראבט אים אונ גייט ווייטער זוכען עסין ער האט אוך געפונען עסין אלעס וואס זיין הארץ נאר פארלאנגט האט אוף . דיזע שטעלע וואו ער איז געזעסין מיט זיין וויזיר . ער דר קוויקט זיך זיין הארץ מיט וואס ער נאר פאר לאנגט האט . ער קלערט וואס ער ווייטער טאהן זאל ער זאגט צו זיך איך קען היר נישט לאנג ווילין פיליכט קומט יעמאנד איך מוז ווייטער גיין איך וועל נעמן וואס איך בריך . ער נעמט עסין אונ קליידר אונ געווער אונ מאכט זיך איין באניץ אונ לייגט אלעס אריין אונ קליידעט זיך אן אונ גייט ווייטער אוף דיא אינזעל ער הט גיוואלט אוף זיצען אוף איין שיף ווייל ער האט גידיינקט מען זוכט אים אבער ווי ער צום וואסר געקאמען איז אונ האט קיין שיף גיט גיטראפען האט ער שון פאר שטאנען דאס זיי זענען שון אלע פארט פון דיזען אינזעל ער פרייט זיך זייער אונ זאגט איך מוז גיין אוף דיזען אינזעל זוכען איינע שטעלע וואו איך זאל קענען אפ רויען פון דיזען אינזעל פיליכט וועל איך געפינען אזו אזאך איך זאל קענען דארויף שווימען אוף דעם וואסר ווען עס וועט נישט אזו גוט זיין וועל איך דאס שון אום בעטערין :

דר קעניג אדאלף גייט אוף דיא אינזעל אונ ווייל דיא אינזעל וואר זייער גרוס דאריבער גינג ער שון צוויי טאג אונ פינדעט ניט . אוף דעם דריטין טאג ווי ער אזו גייט אוף די אינזעל קומט ער צו איינע הלע זיא וואר עטוואס צו גידעקט . עס וואר צו דר

קעני

קענן דאס דורך דר זייט גייט מען אריין אין דר הילע. ער האט
אבר פורכט געהאט ארונטר צו גיין ער שטייט עטוואס אונ קלערט
וואס ער טאהן זאל ער טראכט ביי זיך ווי קען דען זיין דרינן קיין
מענשן דענק איך איז היר נישט דא דען עס איז דאך אוויסטע
איינזעל אונ עס איז אויך נישט צו דר קענן דאס היר זאלין זיין
מענשין. צווייטינס קען אויך זיין וואס עס וויל ווען דעם ליבן גאטס
ווילן איז איך זאל נאך זיין אמאהל קעניג ווערט מיר געוויס קיין
שלעכץ געשעהן. ער נעמט ארויס פון זיין ראניץ אפלאש וויין אונ
טרינקט דר פון אשפאר ביסיל אויף קוראז אונ נעמט דעם זעביל
אין איין האנט אונ איין פיסטעלעט אין דר צווייטע האנט אונ
נאך איין פיסטעלעט שטעקט ער אריין אין זיין גארטיל אונ זאגט
צו זיך יעצט וועל איך מיין גליק פרובירין אונ מאכט אויף די הילע
אונ גייט אריין. ער איז אין דיא הילע ווייט גגאנגן ער האט
פיל געזעהן פון אלע זאכין די שענסטע עס וואר דארט זייער שיינע
צימערין גמאכט אונ אוס געצירט מיט דיא שענסטע זאכין וואס נאר
אויף דר וועלט איז. ער טראכט ביי זיך נוא יעצט בין איך אריין
גפאלין צווישן רויבערס נאר וואס זאל איך מאכין איך וועל ווייטר
גיין. קיין פארכטען האב איך נישט זיי זאלין מיר אוועק נעמען דא
וועלין זיי מיר אויך נישט טאהן ווען זיי וועלין פון מיר פאר לאנגן
איך זאל צו זיי צו שטיין וועל איך דארויף באשטיין ביז איך וועל
מיט זיי גוט בעקאנט ווערין אונ ווען איך וועל מיט זיי אויף אלאנדר
קומען וועל איך מיך פון זיי דר ווייטערין. נאך דיזע געדאנקען
גייט דר קעניג אדאלף ארונטר אין דיא הילע ער איז געקומען אין
איין שענעם צימער אריין דארט זענן געזעסן 50 מאן גיקליידעט
אין די שענסטע קליידר מיט גאלד געשטיקט אונ מיט גיווער אן
גיהאנגען אין דיא הענד האבין זיי געהאלטן בראנקע שווערדין אונ
טרינקען איינער צום אנדערין אונ זינגן זייער שענע לידר. ווי זייא
האבן דר זעהן דעם קעניג אדאלף געבין זיי זיך אלע אשטעל אויף
אונ ווארפין זיך אלע צו די פיס דעם קעניג אדאלף אונ שרייען אלע
עס זאל לעבין אונזר קעניג אדאלף. ער זאל לעבין. דר קעניג
אדאלף האט זיך זייער דר שראקין. זיי הייבין זיך אויף אונ שרייען
ווידר מיט אשרעקליכע שטימע אונ מיט פריידע, עס זאל לעבן

אונזער קעניג ! ווי דר קעניג אדאלף האט דאס דר הערט צום צווייטען מאהל איז ער עטוואס צו זיך גקומען . זיי בעטען אים זיצען אונ נעמען אים שיין אוף אונ געבען אים שרעקליכע ערדע אונ פראגען אים ווי אזו ער אהער גקומען איז אונ ווי לאנג ער איז שון היר אוף די וויסטע אינזעל . דר קעניג אדאלף דר ציילט זיי ווי אזו ער אהער גקומען איז אונ ווי לאנג ער זיצט שון היר אוף דיזע אינזעל אונ ווי אזו ער איז ארום גקומען פון זיי אונ זיין ווייזיר איז טויט גשלאגען גווארן . עס האט זיי זייער באנק גטאן ווארום זיי האבען די אינזעל נישט גוט דורך גזעהן פריער וואלטין זייא גיטראפין זיי דר ציילין דעם קעניג ווי אזו זיי זענען אהער גקומען אונ ווער זיי זענען . זיי זאגין גרוס מאכטיגר קעניג דו זאלסט וויסען דאס מיר זענען דיין טרייע פאלק מיר זענען גוועזן אין די קריג מיט דיר אונ ווען מיר האבען אונז באשלאסין צו אנטלופין האט מען פיל פון אונז טויט גשלאגען אונ פיל האט מען גפאנגען גנומען נאר מיר זענען אנטרונען גווארן אונ מיר האבען צו ווישען זיך גשווארין מיר זאלען נישט צוריק קומען אין אונזער לאנד אזו לאנג ווי דו וועסט נישט זיין אונ ווען דו וועסט זיין קעניג איבר אונזער לאנד דאן וועלען מיר יעצט קומען צו הויזע . דר וויל האבען מיר זיך גמאכט איין רויבער באנדע אונ מיר שלאגין נים קיין מענשין טויט נאר מיר נעמען צו ביי אים זיין פארמעגין אונ מיר לאזין אים ווייטר גיין אונ מיר האבען פאר אונז אפ גיקליבען דיזען אינזעל אונ דא אין דר העל האבען מיר אלעס וואס מיר ברויכען די שיפען האבען מיר אוך אין דר העל וויל מיר האבען פארכט זיי צו לאזין שטיין אוף דעם מעער מען זאל נישט גוואר ווערין . אונ נישט וויט פון היר איז דא איין שיינעס לאנד לאזען מיר זיך אוף דעם לאנד אוף אפאר טאג נאכהער קומען מיר ווידר צוריק מיט אונזער רויב אין דיא העלע אריין . יעצט אז דר ליבער גאט האט אונז געגעבען דאס מיר האבען אונזער קעניג באקומען היר אהער מוזט דו איבר אונז קעניג זיין . אונ עס וועט אזוי זיין . מיר וועלין היר אוף דיזע אינזעל זיין אונ איינעם פון אונז וועט מען שיקען מיט אבריף אין אונזער לאנד אריין אונ אין דיזען בריף זאל אזו שטיין ליבעס פאלק איר זאלט וויסען דאס אייער קעניג אדאלף מיט פופציג מאן זענען אוף דיזען אינזעל דא האט איר די קארטע אוף דעם וואסר וואו דיא אינזעל

־ריגט און ווער עס וויל דאס דער קעניג אדאלף זאל זיין קעניג זאל ער הער קומן צו אונז . און דאס זאל אלעס זיין אין סעקרעט דאס קיין פרעמדער זאל דר פון ניט וויסן . און מיר מוזען אזו טאהן קיין געלט צפעלט אונז ניט מיר וועלין פארין אין דיזען לאנד אריין מיט פיל געלט און מיר וועלין קויפן פיל געווער און נאך אנדרע זאכן וואס מיר דארפן צום נייטיגסטן . אוך מענשן ווער עס וועט וועלין צו אונז צו שטיין וועלין מיר אים פיל געלט געבן ביז מיר וועלין זיך צו זאמען קלויבן נאכהער וועלין מיר יעצט אנפאנגן אין אונזר לאנד אריין צו גיין :

זיי האבן דאס זייך גטאהן אזו ווי זיי האבן אפ גישמועסט . זיי האבן איינם פון זיי גשיקט קיין קאשמער מיט א בריף צו דיא גרעסטע לייט . און זיי האבן אפ גריוזט אין דעם לאנד צו באווארנן וואס זיי ברויכן . נאר דר קעניג מיט פינף מאן זענען געבליבן צו הויזע . נון ווי דר מיט דעם בריף איז גקומן קיין קאשמער און די גרעסטע לייטע האבן דיזען בריף גלעזין און האבן דר זעהן די אונטער שריפט פון זייער קעניג . האבן זיי פר פריידע גקושט דעם בריף מיט טרערין דאס זיי וועלין האבן צוריק זייער קעניג אדאלף . בעני דאס גאנצע פאלק האבן זיך באשלאסין צו גיין צו אים . ווער עס האט נאר גהערט פון דיזע נאכריכט פון דעם קעניג אדאלף האט ער שון ניט גוואלט ווארטין ער האט שון גערין גהאט דעם קעניג פאר זיינע אויגין צו זעהן באקומן . און דאס וואר דר גרעסטער פעלר ווייל זיי האבן אנגפאנגן אהנע פארשטאנד . אוף אזו איין ארט האט די זאכע גמוזט ענדעקט ווערין . אין אנפאנגס האבן די גרויסע לייט דעם נאראד איין גהאלטן און זיי האבן ביסלעכווייס אהין גשיקט זיי האבן מיט געגעבן פיל געלט און געווער . נאר ווי די ערשטע זענען אהין גקומן און זיי האבן דעם צווייטן בריף גשיקט נאך קאשמער . דאן האט זיך דר נארישער נאראד נישט גקאנט איין האלטן . זיי האבן גוואלט אלע מיט איין מאהל אהין רייזן צום קעניג אדאלף און מען האט זיי נישט גקענט דר פון אפ האלטן ביז די זאכע איז אן גקומן צו דר רעגירונג נאכהער צום קעניג זעלבסט עס איז גווארן א שרעקליכע רעוועלוציאן עס איז זייער פיל אומגיקומן פון דעם נארישע פאלק . די רעגירונג האט גלייך אום גשיקט שפיאנן

אונ מען האט אום גזעהן וואו צהין דאס פאלק פערנאכט זיך אונ אוף וועלכע אינזעל אונ דאס איז אלעס צום קעניג אדאלף. דר קעניג פון קאשטער האט גלייך פאר זאמעלט פיל מיליטער אין דאס פאלק האט ער איין גהאלטן מיט שרעקליכע באצווינגונג אונ מיט שרעקליכע שטראפע אונ ער האט גלייך גשיקט אוף דיזע אינזעל זייער פיל מיליטער. ווי דאס מיליטער איז אהין גקאמן אוף דעם אינזעל דא האט זיך אנגפאנגן איינע שרעקליכע קריג עס זענען זייער פיל גפאלין פון ביידע זייטין. וויל דר קעניג אדאלף האט שון ביי זיך גהאט פיל פאלק. דאס מיליטער וואר אבר שטארקר אוף האט דאס פאלק פון קעניג אדאלף ניט גהאט גנוג גוועהר. דארום האט מען זיי פאר נומן פיל האט מען טויט גשלאגן. נאר דר קעניג אדאלף ווי ער האט גזעהן דאס עס איז שלעכט אונ עס איז גווארין טונקעל דאס מען האט שון ניט דר קענט קיין מענש פון וויטן האט זיך אדאלף אוף גזעצט אוף אקליין שיפעל אונ איז אנטלאפין אוף דעם מער גאר אליין:

דר קעניג אדאלף איז גשוואומען אוף דעם וואסר מיט דעם שיפעל ביז ער איז גקומן צו איינע שיינע אינזעל ער גייט ארויף אוף דיא אינזעל אונ וויל זיא דורך זעהן ער האט אבר נישט גברויכט וויט צו גיין ער האט גלייך גטראפין דיא איינוואנער פון די אינזעל. זיי זענען גוועזן ווילדע מענשן. ווי זיי האבן דעם קעניג אדאלף דר זעהן לויפין זיי צו אים אונ ווילין אים פאנגן אבר דר קעניג אדאלף נעמט זיין פיסטעלעט אונ שיסט אום דאס ער זאל זיי ניט טרעפין נאר בלויז דר שרעקין. אבר זיי פרעגין נישט נאך דעם אונ זיי לויפין ווידר צו אים מיט אשרעקליכע היץ אונ ווילין אים נעמן. זיי זענען גוועזן זייער פיל דר קעניג אדאלף וואר אבר זייער פלינק ער גיט איין שפארין שפרונג אוועק פון זיי אונ ציהט ארויס דעם זעביל אונ פאנגט אן צו שטרייטין. דר קעניג אדאלף האט פיל פון זיי טויט גשלאגן דיא איבעריגע זענען פארט גלאפין. אבר אונזר קעניג אדאלף אין אנפאנגס האט ער גוואלט ווייטר גיין נאר ער טראכט ביי זיך איך בין דאך איינר אליין צווישען אזו פיל איך דיינק איך וועל מיט זיי נישט אום פירען איך וועל ניט אין שטאנד זיין צו שלאפן אלעס וועט זיין מיט פארכט איך וועל מיר ליבער ווייטר זוכען איין אנדער אינזעל אדער אין לאנד מיט מענשן

אזוי ווי ט׳ [illegible] זעגן עס איז יעצט ניט די צייט איך זאל מיט זיי שטרייטן . דר קעניג אדאלף גייט גשווינד צו די שיף אונ זעצט זיך אויף אונ שווימט ווייטר מיט דעם שיפעל :

ווי די ווילדע מענשין האבן אים דר זעהן אויף דעם וואסר שווימען זענן זיי גלאפין צו אים מיט גרויסע שטיינר אונ האבן גווארפין צוא אום זיי האבן אים אבר נישט גטראפין . צו שוויכן צו אים האבן זיי פארכט גהאט איבר דעם זעביר זיי שטייען אונ קוקען ווי ער שווימט אויף דעם וואסר . ער איז גליקליך פון זיי אוועק אונ שווימט ווידר איינע לאנגע צייט ביז ער איז ווידר גקומן צו איין אינזעל ער שטייגט אויס פון זיין שיפעל אונ גייט ארויף אויף די אינזעל ער גייט אשפארע צייט פון איין האלבן טאג ער זעהט קיינם נישט . ער גייט אבר ווייטר ער דר זעהט איינע הלע ער קלערט נישט לאנג אונ שטעלט זיך איין אונ מאכט אויף דיא הלע אונ גייט אריין ער איז אין די הלע ווייט גגאנגן ביז ער איז גקומן צו אצימר . אין דעם צימר איז גזעסין איין אלטע פרויא אונ האט גהאלטן אבוך אונ האט גלעזין ، ער גייט צו איר אונ פאלט איר צו די פיס אונ בעט זיא זאל אים לאזין איבר נאכטיגן די נאכט ווייל ער האט מורא גהאט פאר דיא ווילדע טירען אונ פיליכט געפינן זיך דא אויך ווילדע מענשין . די אלטע פרויא רופט אים צו אונ פרעגט אים ווי אזוי ער איז אהער גקומן אונ ווער ער איז . זי בעט אים זיצן ער דר ציילט איר דאס ער איז דר קעניג פון קאשטער אונ ווי ער איז פון זיין לאנד פארטריבן גווארן אונ ווי אזוי ער איז אהער גקומן אונ וואס ער האט שוין אויס גשטאנען . די אלטע פרויא באדויערט אים זייער שטארק זיא גיט אים עסין דאס בעסטע וואס זיין הארץ האט נאר פאר לאנגט אויך גוטן וויין גיט זיא אים צו טרינקן . דר קעניג אדאלף עסט אונ טרינקט מיט דעם גרעסטין פארגעניגן ער האט גוואלט וויסן ווער די פרויא איז . ער איז אבר נישט דרייסט גוועזן זיא צו פרעגין . דר קעניג אדאלף ענדיגט זיין שפייזע דאס וואר . שוין אבענט ברויט זיא פירט אים אריין אין איין שלאף צימר באזונדר עס איז דארט גשטאנען איין הערליכעס בעט גבעט . דר קעניג אדאלף וואר זייער מיד ווייל ער האט זיך שון אלאנגע צייט ניט אום גרוהט ער לייגט זיך שלאפין אויף זיין גלעגר וואס די פרויא האט אים אפ גגעבן

גאר ער קען ניט שלאפין וייל זיינע גדאנקן האבן אים ניט גלאזט שלאפין ער איז נאר אזו גלעגין אויף דעם בעט אונ נישט גשלאפן ביז עס איז האלבע נאכט גוואורין. דא הערט ער ווי עס קומן אריין צו פליהען עטליכע פייגעל מיט איין מאהל ער איז נייגעריג צו זעהן וואס דאס איז ער גייט אראפ פון בעט שטילערהייט אונ קוקט דורך דר טיער. דא זעהט ער ווי עס איז אריין גקאמן זעקס טויבען אונ ווען זיי זענן אריין גקומן דא זענן גבליבן שטיין זעקס פרויען זייער שיינע אונ זענן גגאנגן שיין גקליידעט אין דיא שענסטע קעניגליכע קליידר איינע פון זיי די עלצטע איז גוועז די שענסטע פון זיי. איר שונהייט איז ניט גוועזן צו בשרייבן אויך אירע קליידר ווארין שענר פון זייערע אונ איינע קרוינע האט זיא גיטראגין אויף אירען קאפ עס איז גוועזן צו דר קענן דאס זיא איז גוועזן די קעניגן פון זיי אין זיי זענן דיא קאמער מעדיען. זיי פרעגין די אלטע פרויא מוטר וואס גיבט היינט נייעס. דא ענפערט זיא ליבע קינדר עס איז היינט פיל נייעס דא. עס איז ביי מיר היינט דא איין גאסט ער איז דר קעניג אדאלף פון קאשטער ער איז דורך פיל אומשטאנדען אהער גקומן ער שלאפט ביי מיר אין דעם צימר. ווי די פרויען האבן דאס גהערט פון דעם קעניג אדאלף דא זאגין זייא מיט ווילען איהם זעהן אוב ער איין שעהנר פערזאהן איז די וועלט האט אים גרימט פאר איין שיינם פערזאהן. זאגט די אלטע פרויא צו דיא דאמען איר קענט אריין זיין נאר נישט אלע מיט איין מאהל ער זאל זיך נישט איבר שרעקין:

ווי דר קעניג אדאלף האט דאס גהערט לעגט ער זיך גשווינד אויף זיין גלעגר אונווארט שון דיא שיינע דאמען זאלין אריין קומן. דא גייט דיא עלצטע צום ערשטין אריין אונ זעהט אים גוט דורך אונ זיא גייט ארויס. נאכהער גייט ווידר דיא צווייטע. נאכהער די דריטע. זיי האבן אים שון גהאט דורך גזעהן גוט דא זאגט איינע צו דיא אנדרע דאס ער איזווירקליך זייער שיין. דא זאגט די עלצטע ליבע מוטר איך וואלט מיר גיוואנשען זיינע פרויא צו זיין: דען ער איז דאס ווערט ער איז ווירקליך זייער אשיינר פערזאהן עס איז זיין גלייכען ניט אזו געשווינט צו באקומן ער האט איין פייער פון ליבע אין מיין הארץ אנגיצונדען. ענפערין די [illegible] ליבע פרינצעסין אס איז וואר ער איז ווערט דאס איינע

פרינצעסין זאל אים ליבע אבר ווי אזו קען דאס זיין מיר זענן
דאך פארפלוכטע דאמען מיר זענן דאך שון אין דיזען טויבען
גישטאלט מער ווי צוויי יאהר אונ ווען מען האט דיך מיט אונז פון
דיינם פאטר אוועק גישטוילען האט אונז דר גייסט פאר שאלטען
פאר טויבען אונ וועה ווייס ווי לאנג מיר וועלין נאך פארשווארצט
ווערין אין דיזען צו שטאנד אונ וואו וועט ער דר וויל קריגען
וואו וועט ער אהין קומען דארום איז דאך אומזונסט דיינע רייע
וואס דו פאסט דיר איין אין דיין הארץ . ענפערט דיא אלטע פרויא
ליבע קינדר האט קיינע באנגע נישט אין דעם איך וועל אייך שון
אלעם באזארגין ווען ער וועט נאר וועלין די פרינצעסין צו איינע
פרויא האבען איך וועל אים שון איין ראט געבען וואס ער זאל
מאכין דאס איר זאלט לויז ווערין פון דעם טויבען גישטאלט אונ
פון דעם גייסט . אבר יעצט קינדר ווייזט אייך נישט דען עס ווערט
שפעט גייט אין אייער וואהנונג אונ איך וועל שון פאר אייך אלעם
באזארגען נאר מיט גדולד . די פרינצעסין ווייזט זייער פאר דיא
אלטע אונ קושט איר דיא הענט אונ בעט איר דאס זיא זאל שון
זעהן צו פאר זארגין . אונ זיי גזעגינן זיך אלע מיט דיא אלטע
פרויא אונ פליעהן פארט :

דר קעניג אדאלף האט דאס אלעס גהערט ער קען אבר
שון מער ניט שלאפין דען דאס גישטאלט פון דיא שיינע פרינצעסין
האט אים פר די אויגן גשוועבט . ער וואלט זיא שון גערין ווידר
פאר זיינע אויגן גזעהן . עס איז גאט זיין דאנק טאג גווארין דר
קעניג אדאלף שטייט אויף פון זיין געלעגר אונ גייט אריין צו דיא
אלטע פרויא אונ ווינשט איר איין גוטן מארגין אונ דאנקט איר פאר
דיא אום רוהע וואס זיא האט אים געגעבן דיזע נאכט ' ער ווארט
אויף איר פרעגן וועגין דיא שיינע פרינצעסין מיט אומגידולד . אבר
זיא פרעגט אים ניט ער קען זיך אבר נישט אויף האלטן אונ וויל
זיא פרעגין ער איז אבר נישט דרייסט איר דאס פאר צו שלאגן .
די אלטע פרויא פרעגט אים צו ער האט גוט גשלאפין : דען זיא
האט פאר שטאנן דאס ער האט וואס גמוזט זעהן אדר הערין .
דר קעניג אדאלף ענפערט איר גאט זיי דאנק איך בין גוט גשלאפן
איך בין זייער צו פרידען פון דיזען אום רוהע ווס איך האב גהאט
דיזע נאכט נאר איינע זאכע קוועלט מיך יעצט איך ווייס נישט

באשטימט צו דאס איז אטרוים צו דאס איז ווירקליך גוועזן . ענטפערט דיא אלטע פרויא וואס פאר איין טרוים האבן זיא דען גהאט וואס זיא זענען נישט רוהיג . ענטפערט דר קעניג אדאלף ליבע מוטר איך דיינק ווען איך בין געשלאפן אויף מיין געלעגער . ווייס איך נישט צו דאס וואר איז צו נישט . זענען אריין געקומן צו מיר זעקס דאמען נישט מיט איין מאהל נאר יעדרע באזונדר זיא ווארין אלע זייער שיינע דאמען איך שיין געקליידעט אבר דיא ערשטע וואר דיא שענסטע פון אלע . אויב דאס איז נישט קיין טרוים וואלט איך מיר געווינשן זיי נאך איין מאהל מיט מיינע אויגן צו זעהן דען איך קען שון נישט רוהען . ענטפערט די אלטע פרויא מיין ליבר קעניג דאס איז נישט געוועזן קיין טרוים דאס איז געוועזן איין ווירקליכע זאך עס איז ביי מיר געוועזן די נאכט די פרינצעסין פון חינא מיט אירע דאמען זיא איז זייער איין שיינעס בילד עס איז איר שונהייט נישט צו באקומן אזוי לייכט . זיא האט אייך אויך געזעהן אונ איז אין אייך שרעקליך פאר ליבט אונ זיא וואלט אייך גערין געזעהן ווען איר וואך זענט אבר זיא מוזען גרויד האבן ביז אבענד 12 אוהר וועט זיא היר ווידר זיין וועלין זיא איר קענן זעהן . אבר איך דיינק אז זיא וועט אייך דר זעהן וועט זיא גאר שעמט בלייבן ווייל זיא וועט קומן אין איין טויבען געשטאלט אונ אירע דאמען אויך דאס זעלבע נאר ווען זיי קומן צו מיר געב איך זיי ווידר זייער געשטאלט אונ ווען זיי גייען פארט מוזן זיי ווידר דאס טויבן געשטאלט צוריק נעמן . ווייל איך האב קיין מאכט איך זאל זיי קענן אין גאנצן פריי מאכן נאר אוב זיא וועלין פאר לאנגן דיא פרינצעסין צו אפרויא קען איך אייך איין ראהט געבן אונ אויך ביי הילפיג צו זיין דאס איר זאלט קענן זיי אלע פריי מאכין :

ווי דר קעניג אדאלף האט דאס דר הערט פאנגט ער אן צו וויינן פאר פריידע אונ קושט די אלטע פרויא דיא העגט פאר אירע גוטע פאר שפרעכונג צו רעטין, דיא דאמען אונ דאס ער דיא חינעזישע פרינצעסין צוא איין פרויא האבען וויד . דער קעניג אדאלף וואר אבר זייער נייגעריג צו וויסן דיא געשיכטע פון דיא פרינצעסין ווי אזוי זיא קומט אהער אונ ווארום זיא איז פערוואנדעלט געווארין אין דעם טויבען געשטאלט ער בעט דיא אלטע פרויא זיא זאל אים דר צוילן דיא געשיכטע פון דיא

פרינצעסין . זיא פאנגט אן צו דר צוילן . ליבר קעניג דו זאלסט וויסן דאס זיא איז דיא טאכטר פון חינעזישן קעניג זיא הייסט דיא שיינע דילאריע איר שונהייט אונ איר געשיקטיקייט איז גווען בארימט אין די גאנצע וועלט זייער פיל פרינצן זענן גקומן צו איר פאטר אונ האבן פארלאנגט זיא צו הייראטן דיא פרינצן וואורן אויך זייער שיין אונ גשיקט אין אלע קענטעניסן נאר זיא האט קיינם פון זייא ניט גוואלט זיי האבן גמוזט צוריק צו הויזע פארין פאר שעמט עס איז אימער גווען שרעקליכע קריג מיט פילע קעניגן וועגן איר אבר דאס האט נישט גהאלפן זיא האט קיינם פון זיי ניט גוואלט . איין מאהל איז דיא פרינצעסין דילאריע מיט אירע דאמען גגאנגן זיך באדען דאס איז גווען גאנץ פריא אין דר צייט האט גראדע דורך גרייזט דער נייסטליכער פרינץ . ער האט גוואלט זעהן די מענשליכע וועלט ווי דאס פירונג ביי די מענשן איז . האט ער דר זעהן די פרינצעסין מיט אירע דאמען זיך באדען איז זיא אים שרעקליך גפעלין גוואורין ער האט זיא גוואלט באקומן אבר ער קען נישט צו קומן צו איר ווייל זיא איז נישט גווען אליין ער פארוואנדעלט זיך פאר אשיינם פרינץ אונ שטעלט זיך ביי דעם טייך זעהן איר שונהייט אבר ווי זיא האט אים דר זעהן איז זיא זעהר פאר שעמט גוואורין אונ איז גשווינט ארוס פון דעם טייך אונ האט זיך אנגצוגען אונ איז צו הויזע גגאנגן דר פארוואנדעלטר פרינץ האט זיא שון ניט גזעהן עס האט אים שרעקליך באנג גטאהן צו וואס ער האט זיך פארוואנדעלט אין איין מענשן גשטאלט ער וואלט זיא נאך גקענט זעהן אבר עס איז שון פארפאלן די זאך . ער רייזט צו הויזע . ווי ער צו הויזע גקאמן איז האט ער דר ציילט אלעס וואס ער האט גזעהן אויף מענשן וועלט אונ אויך פון דר פרינצעסין וואס ער האט נאך נישט גזעהן אין זיין לעבין אזו אשונהייט ווי זיא איז . ער זאגט צום פאטר איך וואלט זיא גערין צו איין פרויא באקומן אבר איך ווייס נישט ווי אזו מען קען זיא קריגן ווייל זיא איז קיין מאהל נישט אליין . ענטפערט דר פאטר צו דעם פרינץ האב קיין זארג נישט איך וועל גאר באפעלין מיינע גייסטר וועלין זייא זיא שון ברענגן :

דר קעניג פון דיא גייסטר באפעלט צו זיינע לייט אונ פרעגט

זיי ווער עס וויל זיך אונטר נעמן צו ברענגן דיא פרינצעסין פון חינא מיט. אירע דאמען האט זיך איינר פון דיא גייסטר אן גרופן איך נעם מיך אונטר איך וועל זיא שון ברענגן נאר געב מיר צייט איין מאנהייט וועל איך זיא שון באקומן. דר גייסטליכר קעניג גיט דעם גייסט צייט אמאנהייט ער זאל זיא ברענגן ווען ניט וועט ער שטארק באשטראפט ווערן. דר גייסט רייזט נאך חינא ער ווארט אוף איר איינע לאנגע צייט אונ זעהט זיא נישט. איין מאהל איז דיא פרינצעסין מיט אירע דאמען שפאצירן גפארין ווי דר גייסט האט זיא דר זעהן זאגט ער צו זיך יעצט ווירסט דו שון דיין פאטר ניט מעהר זעהן אויך נישט דיין לאנד איך וועל דיך שון היינטע באקומן איך גייא שון פון דיר נישט פארט. ער קלערט וואס פאר איין פארטייל מאכט מען זיא פון דר קארעטע ארויס צו באקומן. ער טראכט ביי זיך איך וועל מיר שון איין ראהט געבן. דיא פרינצעסין מיט אירע דאמען זענען פאר ביי גפארין פאר אשיינם גארטין. אין דיזען גארטין זענען גוועזן זייער שיינע גוויקסע. פון דיא שיינע בלומען אונ שיינע פרוכטע עס איז גוועזן זייער איין אנגינומענער גישמאק. דיא פרינצעסין האט לוסט באקומן אריין צו גיין אין דיזען גארטין זיא שטייגט ארויס פון די קארעטע מיט אירע דאמען אונ גייען אריין אין דיזען גארטין דר גארטין וואר זייער גרויס זיי גייען ארום אין דעם גארטין איינע לאנגע צייט דר לוסט פון דיזען גארטין האט זייא גרוס פארגעניגן גמאכט (דעם גארטין האט דר גייסט גמאכט מיט איינע פארוואנדלונג) אין דעם גארטין וואר אויך נאך מערע פאר געניגונגס צו באקומן עס איז אבר שון נאכט גווארין זאגין דיא דאמען ליבע פרינצעסין מיר מוזין שון צו הויזע פארין עס איז שון שפעט ענטפערט דיא פרינצעסין יא מען מוז שון גיין צו הויזע. זיי פאנגן אן ארום צו גיין פון גארטין זיי ווייסן אבר נישט דעם וועג זיי זענן פאר אירט גווארן (גבלאנדזעט) זיי גייען ארום אין דעם גארטין אפאר שטונדע לאנג אונ טרעפין ניט ארויס צו גיין אונ זעהן קיין מענשין ניט ענדליך האבין זיי גטראפין דעם קאמער דינער פון דיזען גארטין (דאס וואר דר גייסט) זייא רופן אים צו אונ פרעגין אים וויא מען גייט ארויס פון דעם גארטין. דר דינער זאגט קומן זיא מיט מיר איך וועל אייך צייגין ער פירט

דיא איינע לאנגע צייט אונ זייא זעהן נישט מער איטער נאר
גארטין זיי זאגן וואס קען דאס זיין וואס עס גיבט גאר קיין ענדע
ניט פון דיזען גארטין דר טייוויל ווייסט וואס פאר איין גארטין
דאס איז עס וואלט אונז ליבר געווען מיר וואלטן אין דיזען גארטין
ניט אריין גקומן . ער איז מיט זיי ארוס גקומן פון דעם גארטין זיי
זוכען דיא קארטע אבר זיי געפינן זיא ניט זיי ווייסן ניט וואס זיי
זאלין מאכן . זאגט דר דינער צו זיי ליבע דאמען ווען איר ווילט
קען איך אייך קומן לאסען קאריטעס . זייא ענטפערין עס איז זייער
גוט דו וועסט גוט באלוינט ווערין פון אונז :

ווי זיי האבן דאס גזאגט גיבט ער איין שרעקליכע פייף
אונ איין געשריי דאס זיי האבן זיך זייער דר שראקן . עס דויערט
אבר נישט לאנג קומן צו פארין צוויי קאריטעס מיט דינער זייער
שיינע אונ מען מאכט אוף דיא קאריטעס דיא דאמען זעצין זיך
אריין עס האט נישט לאנג גדויערט זענען זיי שון געווען ביי דעם קעניג
פון דיא גייסטער . דר גייסט האט זיי פאר געשטעלט פאר דעם
גייסטליכן קעניג דס ער הט זיי גבראכט . מען הט זייער שיינע
אופצוקין גמאכט פאר זיי . דיא פרינצעסין מיט אירע דאמען
האבן גלייך באמערקט דאס זיי זענן צווישן גייסטער אריין גפאלין
זיי פאנגן אן צו וויינען אונ צו שרייען עס העלפט אבר נישט
זייער געשריי . מען האט זיי געגעבן עסין אונ טרינקען זיי זענן אבר
זייער פאר זארגט זייא קענן נישט עסן מען האט זיי אפ געגעבן
איין צימער צום שלאפן גאנץ באזונדר . נאר וואס זאלין זייא
נעבעך מאכין מיד זענן זיי געווען זייא האבן זיך געלייגט שלאפן .
אוף מארגן האט מען זיי גמאכט גרויסע פארוויילונג מיט דיא
שענסטע פארגניגען . עס גייט זייא אבר גלעס ניט איין . דר
קעניג מיט דעם פרינץ פון דיא גייסטער זענן אריין גקומן אונ
ווילען זיי לוסטיג מאכן עס העלפט אבר גאר נישט . דר גייסטליכר
קעניג זאגט צו דיא פרינצעסין זאלסט וויסן דאס מיין זון האט
דורך גרייזט די מענשליכע וועלט האט ער דיך דר זעהן באדין
מיט דיינע דאמן ביזט דו אים שרעקליך געפעלין געווארין יעצט זאלסט
דו וויסן דס דו מוזט הייראטין מיט מיין זון עס וועט דיר היר גוט זיין
עס וועט דיר היר גאר נישט פעלין דען מיר זענן גייסטער דו קענסט האבן
וואס דיין הארץ וועט נאר פארלאנגן . דיא פרינצעסין ענטפערט

צום

צום קעניג, נייז דאס וועל איך נישט מאכען מיט איין גייסטער וועל
איך נישט הייראטין . עס איז אזו איבער געגאנגען אציוט דער גייסטליכער
קעניג מיט דעם פרינץ פלעגין איטער אריין קומן צו איהר און
שפרעכין מיט איהר וועגין דיא הייראט מיט דעם פרינץ און זיא
האט זיי איטער אפ געזאגט !

דער געפאנגענער קעניג אין אהיל מיט פופציג מאנן . איין גאנץ אלטע וואונדערשאנע געשיכטע וואס א
קאפיטאן האט געפונען בעשריבען אין אבוך וועלכער איז געלעגען
אין א קאסטען אויף דעם ים . פרייז 5 קאפ.

דער גייסטער פרינץ מיט זעקס פארשאלטענע דאמען אין טויבענגעשטאלט אדער דער רינג פון שלמה
המלך : די דאמען האבען זיך געפונען אין א שלאסס מיט אויסגע=
מעבלירטע צימערן אונטער די ערד פערצויבערט , נור מיט די
קראפט פון שלמה המלך'ס רינג וואס אויף איהם איז געוועזען
אויסגעקריצט דער שם המפורש זענען זיי געקומען צוריק אויף די
ליכטיגע וועלט (פארטזעצונג פון געפאנגענעם קעניג) . פרייז 5 קאפ.

מאן און ווייב , שוועהר און שוויגער=דער דערטרונקענער אין
טייך ווייסעל אין ווארשא . א געשיכטע פון צוויי גוטע פריינד אין
ווארשא וואס האבען זיך געליעבט פון קינדהייט אן , דערנאך אז זיי
האבען חתונה געהאט האט זיך דאס גליקק גענומען ביי זיי דרעהען
פון איינעם צום צווייטען אזוי ווי א ראדעל : ווען איינער איז געוועזען
רייך איז דער צווייטער געוועזען ארעם , דערנאך איז דער ארעמער ווידער
רייך געווארען און איז אוועק קיין לאנדאן , דארט איז ער געווארען
זעהר גרויס , ער האט געהאט זעהר גרויסע געשעפטען און א סך שיפען
אויף דעם ים , נור דערנאך האט ער בעליידיגט זיינעם א מאטראז און
דערפאר האט דער מאטראז איהם דערטרונקען אין ים . די געשיכטע
איז העכסט אינטערעסאנט און אנציהענד . פרייז 5 קאפ.

צו בעקומען אין דער בוכהאנדלונג פון דעם הערויסגעבער
ל. מארגענשטערן ווארשא פראנציסקאנער שטראססע № 26

וויכטיג פאר אלע יודען אין דער גאנצער וועלט.

הַיְדַעְתֶּם אִם לֹא שְׁמַעְתֶּם ? ווייסט איהר עס ? האָט איהר עס געהערט ? לֹא יַאֲמֵן כִּי יְסֻפַּר. מ'וועט נישט גלויבען אז מ'וועט עס דערצעהלען, יעדער יוד האָט דיכער געהערט אז עס איז דאָ ביי אונז א הייליגער ספר מדרש רבה אויף גאַנץ תורה אלע פינף חומשים בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים, און אויף גאַנץ חמש מגלות, אסתר, שיר השירים, רות, איכה, קהלת.

וואָס איז אַזוינס דער מדרש רבה ?

און ווער האָט איהם געמאַכט ?

דער מדרש רבה איז אַ פירוש אויף דער תורה און אויף די מגילות נאָך פון אונזערע תַּנָּאִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה די בַּעֲלֵי הַתַּלְמוּד לויט דעם חֵלֶק אַגָּדָה וואָס האָט זיך ביי אונז אָנגע-זאמעלט פון גאַנץ אַלטע צייטען ביז די הֲלָכָה און אַגָּדָה האָבען זיך אָפּגעטהיילט איינער פון דער אַנדערער יעדער אויף איהר בעזונדערן וועג די ערשטע סימנים פון אַגָּדָה געפינען מיר שוין אין די לעצטע ספרים פון תנ"ך פיער הונדערט יאָהר צייט האָבען זיך כְּסֵדֶר געזאַמעלט און פערברייטערט די אַגָּדוֹת ביי אונז וואָס פון זיי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דער מדרש רבה נאָכאַמאָהל פיער הונדערט יאָהר האָט געדויערט דער צוזאַמענגעמען און איינאָרדענען דעם מדרש רבה אין דער פאָרמע וואָס מיר זעהען איהם יעצט פאר די אויגען דער מדרש רבה איז פיל מיט סודות התורה ווער עס איז זוכה צו לערנען איהם מיט אָפענע אויגען ווייסט וואָס עס טהוט זיך אין אלע עולמות עליונים וואָס עס איז געוועזען איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען און וואָס עס וועט זיין נאָכדעם אז משיח

וועט קומען במהרה בימינו ווייל אין דעם מדרש רבה איז
איינגעקנעטען און איינגעפלאָכטען זעהער אסאך הויכע געדאנקען
פון אלע אונזערע גרויסע לייט פון די ערשטע דורות אָן ביז
די צייט וואָס ער איז געענדיגט געוואָרען ביי יודען איז דאָ
אסאך חֲבֵרוֹת בַּעֲלֵי המדרש וואָס מ'קומט זיך אלע טאָג צוזאמען
און מ'לערנט מדרש רבה בְּרַבִּים טויזענדער יודען זענען דאָ
וואָס האלטען אַ חלק מדרש רבה אין טלית זאק און אזוי גוט
ווי זיי דאַווענען אלע טאָג אזוי לערנען זיי אלע טאָג מדרש
רבה הונדערטער פרושים האָט מען שוין פערפאַסט אום צו
געבען צו פערשטעהן די טיפזיניגע גייסטרייכע ווערטער פון
דעם מדרש רבה די גרעסטע לייט פון די אומות העולם וואָס
אינטערעסירען זיך מיט אונזערע יודישע ספרים און שטודירען
זיי אז זיי זענען צוגעקומען צום מדרש רבה און האָבען אָנ-
געהויבען צו פערשטעהן די טיפע מאמרים פון איהם זענען זיי
געבליבען שטעהן מיט אראָפגעלאָזענע קעפ פון פערוואונדע-
רונג ווי פון בליץ געטראָפען זענען זיי געבליבען בעטראַכטענ-
דיג דעם גרויסען טיפען קוואל פון חכמה וואָס אונזערע גע-
לעהרטע האָבען אונז איבערגעלאָזט שוין פון טויזענדער יאָהרען.
ווייט פערוהמט זענען די משלים פון מדרש רבה ציםליך און זיס
זענען די אגדות זיינע העכסט אללעגאָריש געשריבען איינגע-
וילט אין קליידער פון שענסטין קאָליר אז דער מדרש רבה
איז געשריבען מיט רוח הקודש דערקענען מיר דערפון וואָס
מיר געפונען אין איהם שטעלען וואָס זענען צוגעפאַסט צו אלע
פערגאנגענע עפאָכען פון דער מענשהייט בכלל און פון יודען
בפרט אונזערע חכמים האָבען זיך אויסגעדריקט וועגען דעם
מדרש רבה מיט פאָלגענדע ווערטער רְצוֹנְךָ שֶׁתַּכִּיר אֶת מִי שֶׁאָמַר
וְהָיָה הָעוֹלָם אויב די ווילסט דערקענען דעם דאָזיגען וואָס מיט
זיין בלויזען ארויסזאָגען איז געוואָרען אַ וועלט לְמוֹד הַגָּדָה
לערן הַגָּדָה (דעם גרעסטען טהייל דערפון געפונען מיר אין
מדרש רבה ער איז פיל מיט הגדה) שֶׁמִּתּוֹךְ כָּךְ אַתָּה מַכִּיר אֶת
ו"ש בָּרוּךְ הוּא דען פון דיזער לעהרע וועסטו דער קאָנען
הייליגען געלויבט איז ער וּמְדַבֵּק בִּדְרָכָיו און די וועסט
באַהעפטען אין זיינע וועגען (סִפְרֵי דברים מ"ט) אום צו
:ען דעם מדרש רבה פאַר אַ ספר וואָס דאָס גאַנצע פאָלק

ישראל זאָל איהם פערשטעהן האָבען מיר איהם נאָך אלטע מיהפולע ארבעט איבערזעצט פאָללשטענדיג אין א פארפיינערטען זארגאָן נאָך די קוועלען פון די בעסטע מפורש... מעטער פרושים האָבען מיר צוזאמענגענומען די זעלטענסטע אנטיקען פון די גרעסטע ביבליאָטעקען און בעארבעט.

דורך דעם בעריהמטען איבערזעצער ר' יוסף מאיר יעבין ז״ל וואָס האָט אויף זיין איבערזעצונג געקריגען הסכמות פון די גרעסטע גאונים אין אונזערע דורות אויך דער גאון מלבי״ם און דער תפארת ישראל זכרונם לברכה האָבען זייערע הסכמות געגעבען אויף זיין איבערזעצונג דער מדרש רבה איז יעצט געוואָרען אַנ׳אָפענער ספר פאַר אַלעמען גרויס און קליין יונג און אַלט איטליכער וועט איהם פערשטעהן לויט זיין שכל מיט רעכט קענען מיר זאָגען אַז דער מדרש רבה וואָס מיר האָבען איהם ארויס געגעבען אויף לשון קודש מיט דעם פירוש כתנות כהונה אויך אויף לשון קודש און מיט די פאָלשטענדיגע איבערזעצונג אויף עברי טייטש איז בעסער ווי מיט הונדערט פירושים העכסט נוצליך אפילו פאַר דעם גרעסטען למדן.

דער מדרש רבת האלט איינגאַנצען 255 גרויסע דרוק בויגען 4080 זייטען 8^0 ער איז איינגעטיילט אין 10 חלקים, לויט ווי זיי זענען ווייטער אויסגערעכנט, פרייז פון דעם גאַנצען מדרש רבה מיט עברי טייטש אַלע 10 חלקים 50 זלאָטיס, דער מדרש רבה מיט עברי טייטש ווערט אויך פערקויפט אי איינציגע חלקים פרייז פון יעדען חלק 8 זלאָטיס אויך אי איינציגע העפטען פרייז פין יעדען העפט 1 גרויסער דרוק בויגען 16 זייטען 50 גראָשען אַזוי איז איינגעטיילט דער מדרש רבה מיט עברי טייטש אַלע 10 חלקים.

1) ספר בראשית חלק א׳ פון אָנהויב פרשה בראשית ווי גאָט האָט בעשאַפען די וועלט ביז סוף פרשת וירא ווי אברהם אָבינו האָט געוואָלט מקריב זיין זיין זוהן יצחק אויף דער עקדה 30 בויגען 480 זייטען.

2) ספר בראשית חלק ב׳ פון אָנהויב פרשה ויהי חיי שרה ווי אונזער מוטער שרה איז געשטאָרבען אלט 127 י און אברהם אבינו האָט איהר געברענגט צו קבורה אין מערת המכפלה ביז סוף פרשת ויגש ווי יוסף הצדיק איז

שטאַרבען אין עלטער פון 110 יאָהר 29 בויגען 464 זייטען, דער גאַנצער ספר בראשית ביידע חלקים פון באשאַפונג די וועלט ביז דעם טויט פון יוסף הצדיק נעמען ארום אַ צייט פון צווייטויזענד דרייהונדערט מיט ניין יאָהר.

3) ספר שמות, פון אָנהויב פרשה ואלה שמות ווי די יודען האָבען זיך אָנגעליטען אין מצרים אַריינקומענדיג אהין אינגאַנצען 70 מענשען ביז סוף פרשת אֵלֶה פְקוּדֵי ווי מ'באַ-רעכינט דאָס געלד זילבער און טהייערע מאַטעריאַלען וואָס מ'האָט געזאַמעלט נדבות פון דעם גאַנצען פאָלק אויפצושטעלען דאָס משכן אין דער מדבר, דער גאַנצער ספר שמות וואָס נעמט אַרום אַ צייט פון 185 יאָהר, האַלט 29 בויגען 464 זייטען.

4) ספר ויקרא פון אָנהויב פרשה ויקרא וואָס רעדט אַרום די דינים פון קרבנות וואָס מ'זאָל מקריב זיין פאַר גאָט'ס וועגען ביז סוף פרשת בחוקותי וואָס לערנען די דינים פון נדרים און נדבות פאַר הַקֹדֶשׁ דער גאַנצער ספר ויקרא וואָס אין איהם איז דאָ אַ סאַך דינים און מצות, האַלט 26 בויגען 412 זייטען.

5) ספר במדבר חלק א' פון אָנהויב פרשה במדבר ווי מען האָט געציילט אַלע יודען אין דער מדבר ווער עס איז נאָר געוועזען עלטער פון 20 יאָהר, ביז סוף פרשת נשא ווי די נשיאים האָבען מקריב געווען קרבנות ביי דעם בענייען דאָס מִשְׁכָּן, 39 בויגען 622 זייטען.

6) ספר במדבר חלק ב' פון אָנהויב פרשה בהעלותך, אז אין די מנורה זאָל שטענדיג ברענען בוימעהל עס זאָל זיך לייכטען פאַר גאָט'ס כבוד ביז סוף פרשת מסעי ווי די יודען האָבען אַרום געוואַנדערט אין דער מדבר, צו זאַמען מיט מגילת רות, מ'לייענט אים שבועות ווי עס איז בעשריבען דער יחוס פון דוד המלך ספר במדבר חלק ב' מיט מגילת רות צוזאַמען האַלטען 21 בויגען 342 זייטען.

7) ספר דברים פון אָנהויב פרשה ואלה הדברים ווי משה רבינו האָט בעשטראָפט די יודען פאַר זיין טויט ביז סוף פרשת וזאת הברכה די ערהאַבענע ברכה פיל מיט ליעבע וואָס משה רבינו האָט געבענשט אַלע יודען אין דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען, 12 בויגען 192 זייטען, דער ספר שמות אָנהויבענדיג פון פרשה בְּשַׁלַח אין די סְפָרִים וַיִקְרָא, בְּמִדְבַּר, דברים, נעמען

ארום אַ צייט פון 40 יאהר וואָס די יודען זענען געוועזען אין דער מדבר.

8) מגילת אסתר מ'לייענט די מגילה אום פורים ווי עס איז באַשריבען דער נס פון פורים דורך מרדכי ואסתר, 8 בויגען 138 זייטען.

9) מגילת שיר השירים מ'לייענט אום פסח, דער הייליגס־טער שיר וואָס שלמה המלך האָט געזינגען די ליבע צווישען הקדוש ברוך הוא מיט די כנסת ישראל, 23 בויגען 368 זייטען.

10) מגילת איכה מ'לייענט אום תשעה באב ירמיה הנביא בעוויינט דאָרט דעם חורבן פון דעם פאָלק ישראל צוזאַמען מיט מגילת קהלת מ'לייענט אום סוכות ווי שלמה המלך גיט אונז צופערשטעהן דורך דעם גרויסען מוסר וואָס דאָרט געפונט זיך אז דער אמת'ער תכלית איז מ'זאָל מורא האָבען פאַר גאָט און גיין אין זיינע וועגען וועט אונז שטענדיג גוט זיין, מגילת איכה און מגילת קהלת צוזאַמען, האַלטען 37 בויגען 602 זייטען.

דער אַרויסגעבער פון מדרש רבה מיט פרושים און מיט עברי טייטש קומט נישט צום פובליקום מיט פאַרשלאָגען פלענער אָדער צוזאָגען, דער אַרויסגעבער פון מדרש רבה האָט שוין ברוך השם די אַרבייט אָנגעהויבען און אויך געענדיגט און קומט צום פובליקום מיט אַ פאַרטיגע זאַך ווער עס וויל נאָר קויפען איז שוין דאָ גרייט אַ גאַנצער קאָמפּלעט מדרש רבה תורה מיט חמש מגילות.

די אדרעס:

בוכהאנדלונג

ליב מארגענשטערן ווארשא פראנציסקאנער גאס № 26.

Księgarnia L. MORGENSZTERN
Warszawa Franciszkańska № 26.

ווער עס וויל ערהאַלטען תשובה אויף וואָס ער פרעגט שריפטליך זאָל שיקען אַ דאָפּעלטע פּאָסט־קאַרטע.